ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 71

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## זאל איך שיקן א טייערע משלוח מנות פאר מיין בעל הבית?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך ארבעט אין א ביזנעס וואו איך באקום שיין באצאלט ברוך ה', און מיין בעל הבית איז צופרידן פון מיין ארבעט, איך וויל וויסן אויב איך דארף אים זאגן אז איך בין צופרידן פון די ארבעט? למעשה איז ער נאר א שליח פונעם אייבערשטן וואס דורך אים שיקט ער מיר פרנסה.*

*אויך וויל איך פרעגן אויב איך דארף אים שיקן א טייערע משלוח מנות.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת פקודי, ג' אדר ב', שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### די שענסטע מידה איז הכרת הטוב

די שענסטע זאך איז די מידה פון הכרת הטוב, זיך באדאנקען און געדענקען די וואס זענען געווען גוטע שליחים פונעם אייבערשטן; ווייל די שענסטע מידה איז הכרת הטוב, און די עקלדיגסטע מידה איז זיין א כפוי טובה.

### אן אינטערעסאנטע מעשה איבער זיין א כפוי טובה

מוהרא"ש האט דערציילט אן אינטערעסאנטע מעשה, א מענטש איז געווען אונטערוועגנס און געהערט א געשריי, ער איז נאכגעגאנגען די קול פון די געשריי ביז ער איז אנגעקומען צו א גרוב, אויפן גרוב איז געלעגן א גרויסע שטיין אין אינעם גרוב איז געלעגן א וואלף. עס איז געווען א קליינע שפאלט און פון דארט האט דער וואלף ארויסגעשטעקט זיין קאפ און געוויינט און געשריגן מען זאל רחמנות האבן אויף אים און אים באפרייען, דער מענטש האט באקומען א רחמנות געפיל, ער האט געוואלט באפרייען דעם וואלף אבער ער האט מורא געהאט אז דער וואלף וועט אים פארציקן, דער וואלף האט אים צוגעזאגט און געשוואוירן מיט אלע סארט שבועות: "אויב דו וועסט מיך באפרייען וועל איך דיר גארנישט שלעכטס טון", דער מענטש האט שווער געארבעט אראפצונעמען דעם פעלזן שטיין און ער האט מצליח געווען צו באפרייען דעם וואלף.

עס גייט אריבער א מינוט און דער וואלף זאגט פאר דעם מענטש: "זאג וידוי ווייל ביז אפאר סעקונדעס ביסטו טויט, שוין אפאר טעג וואס איך האב נישט געגעסן און איך מוז דיך פארצוקן"; דער מענטש איז געווארן טויט דערשראקן, ער זאגט דעם וואלף: "איך פארשטיי נישט ווי אזוי דו קענסט דאס טון צו מיר, איך האב דיך גערעטעוועט און דו האסט מיר צוגעזאגט און געשוואוירן אז דו גייסט מיר נישט שלעכטס טון!" ענטפערט אים דער וואלף: "אמת, איך האב דיר צוגעזאגט, אבער דאס איז אן ענין פון פיקוח נפש, און די הלכה איז אז פיקוח נפש איז דוחה כל התורה כולה, איך האב שוין נישט געגעסן פאר אפאר טעג, איך גיי דיך אויפעסן", דער מענטש טענה'ט ווייטער: "ווי קענסטו דאס טון?!" עס איז געגאנגען די טענות אהין און צוריק.

פלוצלונג זעט דער מענטש דעם לייב, דער קעניג פון די חיות. זאגט ער פארן וואלף: "לאמיר פרעגן דעם לייב", און דער וואלף איז מסכים. זיי לייגן פָאר זייערע טענות צום לייב, זאגט דער לייב: "איך וויל זען די מעשה ווי אזוי עס איז געווען, דער וואלף זאל צוריק גיין אין גרוב, מען זאל צוריק לייגן די שטיין, אזוי וועל איך קענען פסק'נען אן אמת'ע פסק דין".

מען האט אזוי געטון, דער וואלף איז צוריק אין גרוב, און מען האט צוריק געלייגט די שטיין, און דער לייב רופט זיך אן און זאגט פארן וואלף: **"דו בלייב אין גרוב, און דו מענטש, פון יעצט און ווייטער זאלסטו נישט האבן צוטון מיט אזא איינעם וואס איז נישט מכיר טובה".**

### שרייב א שיינע בריוו

עס פעלט נישט אויס צו אויסגעבן געלט פאר טייערע משלוח מנות, אז דו ווילסט מכיר טובה זיין - זאלסטו געבן א פשוט'ע משלוח מנות און שרייבן א שיינע בריוו און זיך שטענדיג באדאנקען. עס איז אזוי שיין די מידה פון הכרת הטוב, **די וואס האבן הכרת הטוב צו מענטשן - די האבן הכרת הטוב צום אייבערשטן**, די דאנקען און לויבן שטענדיג דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וואס טוט מען ווען די ווייב קריגט זיך מיט איר משפחה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך וואלט געוואלט פרעגן עפעס וואס ליגט מיר אויפ'ן הארץ און איך בין זייער צעמישט וואס איז די ריכטיגע זאך צו טון. מיין ווייב איז ב"ה אן אשת חיל און א געטרייע מאמע אבער ביי איר משפחה האט זי זיך אייביג געפילט ארויסגעלאזט און דאס האט צוגעברענגט אז די קאלטקייט וואס איז געווען צו איר איז געווארן נאך קעלטער ביז אז מען רעדט שוין כמעט נישט און אויף שמחות געבט מען זיך א קאלטע מזל טוב.*

*אירע עלטערן האט זי זיך אבער יא געשטארקט מכבד צו זיין און אנרופן, אבער לעצטנס איז געווען א שמחה אין די משפחה וואס זי האט אויסגעפינען דערפון נאר פון די גאס, דאס האט איר זייער וויי געטון, און זי האט נאך צוריק געהערט אז אירע עלטערן האבן איר נישט געוואלט דערציילן דערוועגן, און דאס טוט איר גאר שטארק וויי, און זי וויל לכבוד דעם אפהאקן אינגאנצן שייכות אויך מיט די עלטערן.*

*איך פארשטיי זייער גוט איר ווייטאג, מיין שאלה איז נאר וואס איז די ריכטיגע וועג צו טון אין אזא פאל, איך פרובייר איר מחזק צו זיין און שטארקן, אבער מעג איך איר מחזק זיין צו זיין אפגעהאקט פון די עלטערן? זי בעט מיר אז איך זאל נישט גיין צו די שמחה, ווייל אויב יא וועט דאס איר זייער וויי טון, זאל איך גיין אדער נישט?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת ויקהל, כ"א אדר א', שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### זיי אזוי ווי אהרן הכהן

דו פרוביר צו זיין אהרן הכהן; ווען דו רעדסט מיט דיין ווייב זאלסטו איר זאגן ווי שטארק מען וויל איר, ווי שיין מען רעדט פון איר, און אזוי ווייטער, און ווען דו רעדסט מיט אירע עלטערן זאלסטו זיי זאגן ווי שטארק זי בענקט צו זיי און ווי שטארק איר ווילט קומען, זיין נאנט - ביז עס וועט ווערן שלום.

### מיט חכמה געמאכט שלום

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות דרבי נתן יב, ג) אהרן הכהן האט נאר עוסק געווען אין שלום, ער האט גענומען משפחות וואס זענען צעריסן און צעטיילט און מיט חכמה געמאכט שלום. ער האט געזאגט פאר איינעם: "יענער האט חרטה אויף וואס ער האט געטון, ער וויל צוריק אנהויבן רעדן מיט דיר, ער האט דיך ליב", און די זעלבע ווערטער האט ער געזאגט פאר'ן צווייטן - ביז ווען די צוויי האבן זיך צאמגעטראפן, זענען זיי ארויפגעפאלן איינער אויפ'ן צווייטן, זיך ארום גענומען, און עס איז געווארן שלום.

**"יענער האט חרטה אויף וואס ער האט געטון, ער וויל צוריק אנהויבן רעדן מיט דיר, ער האט דיך ליב", און די זעלבע ווערטער האט ער געזאגט פאר'ן צווייטן - ביז ווען די צוויי האבן זיך צאמגעטראפן, זענען זיי ארויפגעפאלן איינער אויפ'ן צווייטן, זיך ארום גענומען, און עס איז געווארן שלום.**

### די מאן דארף זיין א ליגנער

ווען עס איז דא א רייבעריי צווישן דיין ווייב און אירע עלטערן, אדער די ווייב מיט'ן מאן'ס עלטערן - איז די ארבעט פונעם מאן צו זיין א ליגנער, אבי עס זאל ווערן שלום. מען זאגט פאר די ווייב: **"מיין מאמע האט דיך זייער ליב", "מיין טאטע האט מיר פינקט געזאגט אז די בעסטע שניר ביסטו"**, אדער **"דיין מאמע איז א קלוגע פרוי", "דיין טאטע איז אזא נארמאלער מענטש"**; נאכדעם זאגט מען די עלטערן אויף צוריק, ביז עס ווערט שלום.

### אביסעלע שכל

גלייב מיר, מיט אביסעלע שכל קען מען זיך אפלעבן דאס לעבן אן קיין מחלוקות, אן קיין קריגערייען, אן קיין עסעניש; א רחמנות אויף די וואס ווייסן נישט פון רבי'ן, זיי קריגן זיך טאג און נאכט, פארשטייט זיך יעדער איז גערעכט, און דאס לעבן גייט פארביי מיט מחלוקות; מיט'ן רבי'ן איז זיס, מיט'ן רבי'ן איז גוט.

לאמיר זינגען: "אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים - ווי זיס איז - גורלינו, אז מיר ווייסן ווי אזוי אומצוגיין אין די וועלט אן ווייטאג".

**ווי אזוי צו רעאגירן וואס א קינד נעמט אוועק פונעם קלענערן?**
**איז דער יום טוב פורים נאר פאר עשירים און נישט פאר ארימעלייט?**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**